גליון מה
ראש השנה תשפ"ד

# צום פינטל

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### וואס איז א 'תרועה'

#### ◆ די תרועה איז דער עיקר

מ'בלאזט 'תקיעה תרועה תקיעה'. שטייט אין רמב"ן (ויקרא כג כד) אז די 'תרועה' אינדערמיט איז די עיקר, און די צוויי 'תקיעות' זענען ווי צוויי באגלייטערס פון ביידע זייטן.

אין ספרים הקדושים ווערט אסאך ארויסגעברענגט די מעלה פון די 'תקיעה' מער ווי די 'תרועה', אז די 'תקיעה' איז 'חסדים' און די 'תרועה' איז 'גבורות', די 'תקיעה' איז א שטארקע קול (מלשון 'תקיעות יתד', והוא לשון קביעות), און די 'תרועה' איז א שוואכערע קול, מלשון 'רעה', ומלשון 'רועה התרועעה', א שוואכע און א מטלטול'דיגע קול (הרש"פ, רשר"ה, הכתב והקבלה). אבער על פי דער רמב"ן אז די 'תרועה' אינדערמיט איז די עיקר, דארף מיר פראבירן צו טרעפן די מעלה פון די 'תרועה' מער ווי די 'תקיעה', דער 'תרועה' איז דאך דער עיקר.

שטייט אין מלבי"ם (הושע פרק ה פסוק ח - חלק באור המלים, יואל פרק ב פסוק א - חלק ביאור המילים) אז די 'תרועה' איז מער מעורר ווי די 'תקיעה', אזוי ווי מ'זעהט אין די פסוקי התורה, אז די פסוקים פאנגען אן מיט די תקיעה, און דערנאך גייען די פסוקים ארויף א דרגא צו די 'תרועה', אזוי ווי די סדר המליצות פון די פסוקים אז זיי זענען 'מוסיף והולך', זיי גייען ארויף 'לא זו אף זו', פון די שוואכערע גייט מען ארויף צו די שטערקערע, פון די שוואכערע 'תקיעה', גייט מען ארויף צו די 'תרועה' וואס איז שטערקער, צו די 'תרועה וואס איז מער 'מעורר' (תרועה מלשון התעוררת).

איז לויט דעם פארשטייט מען גוט דער רמב"ן, אז די 'תרועה' אינדערמיט איז די עיקר. מ'פאנגט אן מיט די 'תקיעה', מ'פאנגט אין מיט א פשוט'ע און שוואכע קול, און נאכדעם גייט מען ארויף צום 'תרועה', מ'גייט ארויף צו א 'התעוררת', א התעוררת פון שמחה אדער בכיה, און נאכדעם קומט מען צוריק צו 'תקיעה', מ'קומט צוריק צום פשוט'ן קול. ענדליך צו א ניגון וואס מ'פאנגט אהן די נידריגע טאון, נאכדעם גייט מען ארויף הויעך, און נאכדעם קומט מען צוריק אראפ כדי צו קענען ענדיגען.

#### ◆ טרומיטן וטראמפייטן

די ראשונים און די פוסקים ברענגען אלע 'פה אחד' די ירושלמי, אז 'תרועה' איז 'טרומיטן'. די חדושי רמב"ן (ראש השנה דף כז ע"א) זאגט אז 'תרועה' איז דאס וואס זיי רופן 'טרופטה', וואס דאס איז א 'קול מתרעש'. דער מאירי זאגט אז א 'תרועה' איז א 'קול המיה'. איז ווי ס'קוקט אויס איז 'טרומיטין' וואס אונז רופן אין יידיש א 'טרומפייטר', און 'טורמיטין' 'טורמייטן' 'טרופטא' אלעס איז די ענין פון 'טרומפייטן'.

> **די 'תרועה'**
> **איז מער מעורר**
> **ווי די 'תקיעה', אזוי ווי**
> **מ'זעהט אין די פסוקי התורה,**
> **אז די פסוקים פאנגען אן מיט די**
> **תקיעה, און דערנאך גייען די**
> **פסוקים ארויף א דרגא**
> **צו די 'תרועה'**

די רבי'ס אין חדר טייטשן 'תקיעה' - 'בלאזן', און 'תרועה' טייטשט מען - 'שאלן', אדער 'יובל'ן', וואס דאס מיינט א התפרצות פון קולות, קולות פון 'יללות' וצער, אדער גאר קולות פון שמחה ו'הוללות', קולות פון שאלן טרומן און יובלן, אזוי ווי ווען מ'איז ממליך א מלך אדער אנדערע זאכן וואס מ'וויל אויפשאקלן דעם עולם און מאכן א מצב.

די גמ' (ר"ה לג עב) רופט אהן די קולות פון די 'תרועה', 'יבבות', אזוי ווי ס'שטייט 'ותייבב אם סיסרא', און די גמרא איז מסביר אז ס'מיינט יללות. איז באמת די לשון 'יבבות' טרעפט מען אויך אויף שמחה, ווי ס'שטייט אין תרגום יונתן בן עוזיאל אויף די פסוק (שמות לב יז) 'קול העם ברעה' "כד מיבבין בחדות". מ'האט 'אוועק געייביבט', און דארט איז געווען הוללות און א צולאסקייט, ס'איז נישט געווען דארט קיין צער און יייללות, און די תרגום טייטשט 'יבבא', זעהט מען אז 'יבבות' איז נישט מיוחד דוקא פאר פחד און צער, נאר ס'איז געוויסע סארט קולות וואס מ'קען נוצן סיי פאר פחד און צער, און סיי פאר שמחה והוללות.

און אזוי קומט אויס פון רד"ק אז 'תרועה' קען מיינען בײדע, ס'איז אזא סארט קול וואס פאסט זיך פאר בײדע, צומאל נוצט מען עס פאר צער, און צומאל נוצט מען עס פאר שמחה. אזוי ווי מ'זעהט אסאך מאל אין חז"ל אז כלי זמר האט מען גענוצט סיי אויף שמחות, און סיי אויף א אבילות, די זעלבע זאך איז געווען דער 'שופר', און דאס איז געווען אויך די תרועה, אז מ'האט געוואלט מאכן א גרויסע התעוררת, א גרויסע מצב, האט מען געבלאזן א 'תרועה'.

און באמת איז די לשון 'יללה' זעלבסט, אזא אויסדריק פון 'יאלעלען', מ'קען עס נוצן פאר 'יללה' וצער, און מ'קען עס נוצן פאר שמחה, ווי די לשון 'הוללות' וואס מיינט א צלאסטע שמחה, א שמחה מיט קולות און 'יללות'. איז דאס מיינט א 'תרועה', אזעלכע צוהאקטע קולות וואס דרייען אן א 'מצב', און דאס קען מען נוצן אנוצודרייען א מצב פון שמחה, און מ'קען עס נוצן אנצודרייען א מצב פון צער.

'יבבות' האט נאך א טייטש, 'יבבות' טייטשט 'שערים', טויערן ('ותייבב אם סיסרא' על פי פשט היינו שנשקפה בעד החלון הנקראת 'יבבה', מלשון שער). בפשטות איז דאס א גאנץ א אנדערע טייטש ווי 'תרועה', אבער באמת איז עס נישט אזוי ווייט, ווייל ביים עפענען די טויערן פלעגט זיין די סדר צו 'שאלן' און 'יובלן', מ'פלעגט עפענען די טויערן מיט א גרויסע מצב און טראומ.

זעה די לשון הפסוק (דברי הימים א ב נ"ה) 'ומשפחות סופרים יושבי יעבץ "תרעתים" וגו"', איז דא אסאך טייטשן אויף די ווארט 'תרעתים', די תרגום טייטשט

המשך בעמוד הבא

'שרייען' מלשון 'תרועה', אנדערע טייטשן אז 'תרעתים' איז פון די לשון 'שערים'. איז לויט ווי געשמועסט האבן די צוויי א שייכות, ווייל די סדר פלעגט זיין ביים עפענען די טויערן, אז ס'פלעגט זיין גאר א גרויסע מצב, מיט קולות און התרעות וכו'.

## ◆ טורמיטין וטראמפייטערס

די צורה פון א 'תקיעה' איז א 'קול פשוט' אן קיין אפשטעל, און די צורה פון א 'תרועה' איז ניין 'טורמיטין' (וי"א רק ג' טורמיטין כמבואר בשו"ע סימן תקצ), דאס איז זיין צורה א קול וואס איז צוזאם געשטעלט פון אסאך קליינע שטיקלעך. איז בהשקפה ראשונה האט די תקיעה מער חשיבות, אז ער איז א גראדער און פשוטער, ער איז די ענין פון חסדים, אז די השפעות קומען גראד אן קיין אפשטעל. אבער באמת איז די 'תרועה' אסאך מער חשוב'ער, די 'תרועה' איז א לעבעדיגע קול, א קול מלא חיים ותנועה, און די אלע קליינע אפשטעלס זענען נישט קיין הפסק פון חיות און שעפ, אדרבא די קליינע הפסקות ברענגען ארויס די גאנצע געשמאק פון די תרועה, די הפסקות געבן נאר צו.

אזוי ווי 'טראמפייטערס' זענען עקסטער לעבעדיג, מער ווי אנדערע כלי זמר, און דאס קומט פון די קליינע אפשטעלס וואס ס'איז דא אין 'טראמפייטער' בלאזעריי, די זעלבע זאך איז א 'תרועה', דוקא די קליינע אפשטעלס מאכן גאר שטארק לעבעדיג די קול פונעם תרועה. און באמת איז 'תרועה' טאקע א קול פון א 'טראמפייטער', ווי ס'איז מבואר אין 'ירושלמי' אז 'תרועה' ווערט אנגערופן 'טורמיטין' (מובא בכל הראשונים ובכל הפוסקים בשולחן ערוך), און אין רמב"ן און אנדערע ראשונים שטייט אז תרועה ווערט אנגערופן 'טרומפטא', וואס דאס מיינט טאקע 'טראמפייטערס'.

קומט אויס אז די שוואכע און צובראכענע 'תרועה' איז גאר מלא חיים, זיין קול וואס איז צושטיקלט און צוברעקלט, ער איז גאר דער וואס איז פיל מיט חיים, ער קומט אריין שטארק אזוי ווי די 'טראמפייטערס'. ווייל דאס איז די טבע פון דער מענטש, ער ווערט אנגעצונדן ענדערשט פון א צושטיקלטע קול, ענדערשט ווי אין שטארקע צוזאם געקוועטשטע קול, ער וועט ענדערשט ווערן נתעורר פון די 'תרועה', ווי פון די 'תקיעה' (עי' במה שמציון לעיל ד'תקיעה' היא קול דחוס, און די 'תרועה' איז מער לויזער).

דער מועדים וזמנים (ח"א סימן ה') זאגט אז ס'איז דא צוויי מנהגים אין די 'תרועה' געוואנדן לפי די מדינות וואס מ'קומט פון, ס'איז דא וואס מאכן די 'תרועה' פשוט'ע צוהאקטע שטיקלעך פון א 'תקיעה', און דאס איז ווי די דעת הריטב"א און נאך כמה ראשונים, אבער דער רמב"ן און נאך ראשונים האלטן אז אויסער די צוהאקטע קולות, דארף אויך די 'תרועה' האבן א שינוי אין זיין עצם קול, דער 'תקיעה' איז 'פשוט' אן קיין געדרייעכצער, אבער די 'תרועה' דארף דוקא זיין א קול מסלסול, די תרועה דארף האבן קנייטשן פון 'גנוחי וילולי'.

אבער ווי אזוי מ'זאל נישט לערנען, די עצם זאך אז די קולות זענען צוהאקט, דאס אליינס ברענגט שוין אריין די לעבעדיג'קייט פון די תרועה, די התעוררת צו שמחה אדער פארקערט, נאר לויט דער רמב"ן דארף די תרועה זיין נאך מער, ס'דארף אויך זיין געדרייט (והבן דשניהם שייכים לטראמפייטער ופשוט).

## ◆ כדי נשימה

די טבע פון די 'כח הדיבור' אז די הפסקות ווערן ווי א חלק פונעם דיבור זעלבסט, די הפסקות וואס מ'שטעלט זיך אפ און מ'רעדט נישט, דאס מאכט אסאך אויס אויף די 'יא רעדן', די 'נישט רעדן' מיט די 'יא רעדן' גייט א גאנצע צייט צוזאמען. און ווען א מענטש רעדט מאכט ער זוכער א גאנצע צייט צו מאכן די ריכטיגע הפסקות, און ס'איז דא א שיעור הפסק וואס קומט צווישן אותיות, און א אנדערע שיעור הפסק וואס קומט צווישן ווערטער, און נאך א גרעסערע שיעור הפסק וואס קומט צווישן פסוקים, און נאך מער צווישן פרשיות.

און דאס איז אויך שטארק ניכר ביים שרייבן, אז די הפסקות זענען מסדר די גאנצע שרייבן, צווישן די אותיות מאכט מען א קליינע הפסק, און צווישן די ווערטער מאכט מען אביסל מער, און צווישן פסוקים און פרשיות נאך מער, ווי ס'איז באקאנט די וויכטיגקייט פון דעם אין הלכות סת"ם. און אויך ביים ליינען איז דא שטארקע חילוקים לפי די 'טראפן', וואס דאס ווענט זיך אויך אסאך ווי שטארק די הפסקות זענען, די הפסקות זיי זענען מסדר די גאנצע זאך. אויך בשעת'ן רעדן דארף א מענטש א גאנצע צייט באלאנסירן צווישן יא רעדן און נישט רעדן, ווייל די נישט שטעלט אויס די יא.

און דאס איז אויך דא ביי תקיעת שופר, די הפסקות מאכן אסאך אויס אויף די עצם קולות, ווי למשל א 'תקיעה' באקומט נאר די צורה פון א 'תקיעה', נאר ווען ס'איז גאנץ אהן קיין שום הפסקות, און א 'תרועה' באקומט נאר די צורה פון א 'תרועה', נאר ווען ס'האט דוקא יא הפסקות, אבער נאר גאר קליינע הפסקות, א 'כדי נשימה' אינמיטן א 'תרועה' וועט שוין נישט טויגן. און די זעלבע איז ביי 'שברים' און 'תרועה', א 'תרועה' האט שנעלערע הפסקות ווי די שברים, וואס דאס אלץ מאכט אויס אויף די קולות, לפי די הפסקות אזוי זענען די קולות.

ס'איז מבואר אין שלחן ערוך (אורח חיים סימן תקצ) אז די שיעור צווישן צוויי קולות איז א שיעור הפסק פון 'כדי נשימה', דאס איז די געוועגטליכע שיעור וואס טיילט אפ צווישן צוויי קולות. זאגען אבער די פוסקים אז דאס איז אלץ צווישן צוויי באזונדערע קולות, אבער אין איין קול אליינס, אין איין קול זעלבסט, דארטן טאר נישט זיין קיין גרויסע הפסק, ווייל טאמער יא וועט עס ווערן פארערעכנט ווי א עקסטערע קול אינגאנצן. למשל אויב מ'וועט מפסיק זיין אינמיטן א 'תרועה' מיט א שיעור פון 'כדי נשימה', וועט דאס איבער האקן דעם תרועה אינגאנצן, און מ'וועט דארפן איבער בלאזן.

וואס מ'זעהט אלץ פון דעם ווי שטארק די 'העדר הקול' מאכט אויס אויפן קול זעלבסט, און אזוי ווי מ'זעהט ביים רעדן און זונגען, ווי די הפסקות שטעלן אוועק די גאנצע סדר הדיבור, ווי געשמיסט די אלע הפסקות צווישן די אותיות ווערטער און פרשיות, וואס דאס אלעס ווערט אוועקגעשטעלט דוקא דורעך די הפסקות. די זעלבע זאך די הפסקות ביי די תקיעות שטעלן אוועק די גאנצע סדר, די הפסקות ווערן ווי א חלק פונעם קול השופר זעלבסט, די אלע הפסקות אינמיטן די תרועה, און די הפסק פון 'כדי נשימה', און 'יותר מכדי נשימה', די אלע הפסקות ווערן א חלק פונעם קול זעלבסט.

## קול הברה שמתגבר פסול

קול הברה איז א ווידער קול (הד-אקו-Echo), א קול וואס קלאפט צוריק נאך א משך זמן, די טבע פון קולות איז אז זיי קלאפט אריין אין אלע זייטן, זיי קלאפן אן אין די ווענט, אין די פלאר, אין די דאך, און זיי 'באנסען' צוריק צו די פלאץ פון ווי די קולות זענען ארויסגעגאנגען, די ווענט די פלאר און די דאך, ווארפן צוריק די קולות צו די פלאץ פון ווי זיי זענען ארויס.

בעצם געשעדט דאס ביי יעדער קול, יעדער קול האקט אריין אין אלעס ארום און ארום, אבער געוועונטליך איז דאס נישט אזוי ניכר, געוועונטליך ווערט די 'קול הברה' אריינגעבלענד אין די געהעריגע קול, מ'פילט עס נישט און מ'באמערקט עס נישט. בפרט אז אסאך מאל איז די 'קול הברה' שוואך, געוואנדן לפי די שטייפקייט און שוואכקייט פון די זאך אין וואס ער האקט אריין, ממילא איז עס נישט אזוי ניכר. בפרט אז ס'איז תלוי אין נאך פיל פאקטארן וואס שפילן א ראלע אין דעם, ווי למשל צו ס'איז ביינאכט אדער בייטאג, צו די וועטער איז א נאסע אדער א טריקענע וכדומה.

איז וועגען דעם רופט מען א 'קול הברה', נאר אויב די 'קול הברה' איז שטארק בולט, אויב די 'קול הברה' איז מער בולט ווי די עצם קול גופא.

און דאס איז די דין אין הלכות שופר (סימן תקפז) אז מיט א 'קול הברה' איז מען נישט יוצא, וואס דאס מיינט אויב די 'קול הברה' איז שטערקער ווי די קול השופר, און די קול שופר ווערט פארכאפט אינעם 'קול הברה'. און די טעם אז מ'איז נישט יוצא איז פשוט, ווייל ס'קומט אויס אז דער מענטש האט קיינמאל נישט געהערט קיין 'קול שופר', ער האט נאר געהערט עפעס א קול וואס שפיגלעט אפ דעם קול השופר, אבער דעם קול שופר זעלבסט, האט ער נישט געהערט.

שטייט אין גמרא (ונפסק בשלחן ערוך סימן תקפז) אז אויב מ'בלאזט שופר אין א 'בור' אריין, איז דא א חילוק צו מ'שטייט אינדערוויניג אינעם בור, אדער מ'שטייט אינדרויסן פונעם בור, אויב מ'איז אינדערוויניג איז מען יוצא, אבער אויב מ'איז אינדרויסן פון די בור, דארף מען אפשאצן צו מ'האט געהערט א קול שופר, אדער מ'האט געהערט א 'קול הברה', אויב מ'האט געהערט א 'קול שופר' איז מען יוצא, אבער אויב מ'האט געהערט א 'קול הברה' איז מען נישט יוצא (לויט די רא"ש איז אינדרויסן אלעמאל א קול הברה און מ'איז נישט יוצא).

און די טעם איז, ווייל אינדערוויניג אינעם בור, אפילו אויב ס'איז דא דארטן א 'קול הברה', איז די 'קול שופר' שטערקער פון די 'קול הברה', די 'קול השופר' איז זיך מתגבר אויף די 'קול הברה', אבער אינדרויסן וואס די קול שופר איז נישט אזוי שטארק דארט, דארטן קען געשען אז די 'קול שופר' זאל פארכאפט ווערן אינעם 'קול הברה' אריין, אויף אזוי ווייט אז מ'זאל אינגאנצן נישט הערן די 'קול שופר'.

## קול הברה איז ווי א שפיגעל

די קול הברה איז ענדליך ווי א שפיגעל, א שפיגעל ווארפט צוריק די שטארלן פון לעכטיגקייט, און אזוי אויך די 'קול הברה' זענען די 'יעווס', וואס ווערן צוריק געווארפן ווען זיי האקן אריין אין עפעס.

אויב מ'וועט אנצונדן א לייט אין א שטוב ווי אלע פיר ווענט זענען שפיגלען, וועלן די שפיגלען ארויס געבן א שטערקערע לעכטיגקייט ווי די לעכטיגקייט פון די לייט זעלבסט, ווייל די לייט זעלבסט איז נאר איין כח פון 'ליכטיגקייט', און די שפיגלען ארום ארום, זענען פיר כוחות פון לעכטיגקייט, פון אלע פיר ווענט, איז ממילא וועט די ליכטיגקייט פון די שפיגלען מבטל זיין די ליכטיגקייט פון די לייט זעלבסט.

די זעלבע געשעדט אויך ביי א 'קול הברה', אויב מ'בלאזט אריין דעם קול שופר אינעם בור אריין, איז די 'קול שופר' נאר איינער, און די 'קול הברה' איז פיר קולות, פיר קולות וואס קומען ארויס פון אלע פיר זייטן פונעם 'בור', ממילא קומט אויס אז די 'קול השופר' ווערט פארכאפט אין די 'קול הברה', און מ'הערט נאר די קול הברה און נישט די קול השופר, די קול שופר ווערט נתבטל אין די קול הברה.

איז די 'קול שופר' נאר איינער, און די 'קול הברה' איז פיר קולות, פיר קולות וואס קומען ארויס פון אלע פיר זייטן פונעם 'בור', ממילא קומט אויס אז די 'קול השופר' ווערט פארכאפט אין די 'קול הברה'

די פוסקים רעדן ארום ביי א שפיגעל צו ס'הייסט געזעהן, די גמרא זאגט אויף א פלאץ 'ראינוהו במים ראינוהו בעששית אין מעידים', מ'דארף דוקא זעהן מיט די אייגענע פליישיגע אויגען, ס'ארבעט נישט פון א שפיגעל. אויך איז באקאנט די שמועס פון די היינטיגע פוסקים צו זעהן דורך א 'איי סיסטעם', צו דאס הייסט געזעהן צו קענען עדות זאגען אויף א גניבה וכדומה.

וואס דאס האט אביסל צו טוהן מיט אונזער שמועס דא, צוז א תולדה פון א קול הייסט א קול, אויב א 'קול הברה' הייסט נישט קיין קול, א תולדה פון א קול הייסט נישט קיין קול, ממילא איז 'הוא הדין' א 'תולדה' פון א ראייה, הייסט נישט קיין ראיה, ממילא א 'שפיגעל' וועט נישט הייסן געזעהן. [אבער באמת איז דאס נישט אזוי פשוט ווייל ווי ס'וועט ווערן נתבאר שפעטער, איז יתכן אז די דין פון 'קול הברה' איז נאר ביי תקיעת שופר, און ס'איז נישט קיין יסוד בעצם אז א 'תולדה' פון א קול הייסט נישט קיין קול].

## קול הברה ביי אנדערע מצוות

די אחרונים קריגען זיך אויב די פסול פון 'קול הברה' איז אויך דא ביי אנדערע מצוות, ווי למשל מקרא מגילה, תפלה, קידוש, הבדלה, אלע זאכן פון 'שומע כעונה'. ס'איז דא וואס שרייבן אז די דין איז נאר ביי 'שופר', און נישט ביי אנדערע מצוות. ווייל בעצם איז א 'קול הברה' פאררעכנט ווי די כח האדם, ס'איז אזוי ווי ווען א מענטש ווארפט א 'באלי' צום וואנט, און די באלי 'באנסט' צוריק, וואס דאס האט זוכער א דין ווי די 'כח האדם', ווי ס'איז מבואר אין אסאך סוגיות אין ש"ס, אז ווילאנג ס'פארט אין איין צו, די 'כח האדם' האט זיך נאך נישט אפגעשטעלט, הייסט עס אלעס די כח פון דער ווארפער.

ממילא איז די פשטות האחרונים אז דאס איז נאר א דין ביי

המשך בעמוד הבא

תקיעת שופר, ביי 'תקיעת שופר' איז דא די חידוש אז אפילו בעצם הייסט עס 'כח האדם', נאך אלץ איז עס פסול, ווייל ביי 'תקיעת שופר' דארף מען האבן א חשוב'ע קול, און א 'קול הברה' איז נישט קיין חשוב'ע קול פאר שופר בלאזן, ס'איז אזא אנדערע סארט קול, א קול וואס קומט פון דער ווייטענס, ענדליך צו א 'בת קול', ס'איז נישט קיין געהעריגע קול, מה שאין כן ביי אנדערע מצוות וואס ס'גייט מיך בכלל נישט אהן א חשוב'ע קול, די עיקר מ'האט געהערט, קען א 'קול הברה' אויך הייסן געהערט.

אזוי שטייט אין אגרות משה (ח"ב סימן קח) אז דאס איז די טעם הפסול פון 'קול הברה', און לפי זה איז דער אגרות משה מתיר צו יוצא זיין תפלה און אנדערע זאכן פון א 'ספיקער' ווייל א 'ספיקער' האלט ער איז יא א חשוב'ע קול, פארקערט ס'מאכט גאר בעסער און שענער די קול, ס'לייגט צו צו די חשיבות פון די קול.

### קול הברה אין א וואלד

די ביאור הלכה זאגט א מורא'דיגע חידוש אז פון די סתימות הפוסקים איז משמע, אז מ'מעג בלאזן שופר אין א וואלד צווישן די ביימער און די בערג, כאטש וואס מ'זעהט בחוש אז דאזעלכע פלעצער איז אלעמאל דא א שטארקע ווידער קול, אבער פון דעם וואס די פוסקים האבן סותם געווען, איז משמע אז ס'איז נישט אסור. (און ס'איז משמע אין ביאור הלכה אז ער איז מתיר אפילו פאר אנדערע וואס הערן, למשל ראובן בלאזט שופר אין א 'טאל', קען דער וואס שטייט ווייט אוועק אויך יוצא זיין, ווייל דער 'בעל תוקע' איז דאך פשוט אז ער איז יוצא, ער איז נישט ערגער וואס דער וואס בלאזט אין א בור וואס ער גופא איז יוצא, און די שאלה איז נאר אויף די וואס זענען אינדרויסן).

און די ביאור הלכה זאגט די טעם ווייל אין א וואלד און צווישן בערג נעמט צייט ביז די קול קומט צוריק, איז ממילא ווערט די געהעריגע קול נישט נתבלבל, די קול התוקע מיט די קול הברה ווערן נישט צוזאמגעמישט, ס'איז אפגעטיילט.

### קול הברה אונטער די ערד

נאך א נקודה איז מבואר אין די פוסקים, אז אונטער די ערד איז מער מצוי אז ס'זאל זיין א ווידער קול, למשל אין א מערה וכדומה, און אין שלחן ערוך איז א ברייטע שמועס וועגן א 'דות', וואס איז האלב ארויסגעשטעקט פון די ערד. אויך זאגען די אחרונים אז א 'בית המדרש' וואס געפונט זיך אין א בעסמענד, איז אויב רוב פון די 'בית מדרש' איז 'אנדער גראנד', דארף מען אכטונג געבן פון 'קול הברה'.

און דאס איז אזוי בטבע, אז די 'קרקע עולם' איז מער 'אטום' צו קול, ווענט פון א הויז זענען נישט פאראאקט פון קול, אדרבא די קולות ווייבערעטן אין די ווענט אריין, און די ווענט ווייבערעט אויף ארויס, און א חלק פון די 'גלי הקול' קומען אהן אינדרויסן איבערן וואנט, ממילא טאנצן זיי נישט צוריק אזוי שטארק. אבער אונטער די ערד וואס איז מורא'דיג 'אטום' פון קול, דער ערד איז מורא'דיגע דיק, און ער קען נישט שיקען ווייטער די 'גלי הקול', ממילא טאנץ די קול שנעל צוריק. (און ווי פארשטייט זיך זענען די הלכות געווען וויכטיג און די תקופות וואס יידן האבן זיך גענדארפט באהאלטן אונטער די ערד, מחמת הגזירות וחמת המציק).

**לשנה טובה תכתבו ותחתמו**
**לאלתר לחיים טובים**
**ארוכים ולשלום!**
**שנת גאולה וישועה!**

א אונטערעסאנטע נקודה וואס איז געווען ביי 'קורונה', ס'איז געווען א שאלה צווישן די פוסקים, צו א מענטש וואס איז אין אזא גלאזענע באקס, צו ער קען בלאזן שופר פאר די מענטשן פון אינדרויסן פון די באקס, ס'געווען וואס האבן געוואלט חושש זיין אז וויבאלד אזא באקס איז אזוי קליין און פארמאכט, אפשר וועלן די דרויסענדיגע מענטשן הערן א 'קול הברה', אבער למעשה שרייבן די פוסקים אז ס'איז יא כשר, ווייל ס'איז אזוי ווי מ'הערט שופר בלאזן אינדרויסן פון בית המדרש און ס'הייסט נישט קיין 'קול הברה'.

ס'איז באקאנט די גרויסע מחלוקת צו מ'קען יוצא זיין תקיעת שופר דורעך 'הערינג עדס', אדער דורעך א 'ספיקער', ס'איז דא א שיינע שמועס אויף דעם אין מנחת שלמה (סימן ט) פון הגאון רשז"א בענין 'הערינג עדס', וואס ער גייט זייער שטארק אז דאס איז נאך ערגער ווי 'קול הברה', דאס איז נישט געהערט בכלל, די קול וואס די הערסט איז נישט די קול השופר, ס'איז די קול פון די 'הערינג עדס'. ער ברענגט אבער דארט אין די הערות, אז די חזון איש האט געהאלטן אז ס'איז יתכן אז ס'איז א 'תולדה' פון די געהעריגע קול, און מ'קען יא יוצא זיין מיט דעם שמיעת קול שופר. היות ס'איז דאך די כח פונעם שופר, וואס די כח גייט גליך אריין אין די הערינג עדס הייסט דאס מיין מעשה.

[אבער באמת איז געווארן נתבאר אז א 'קול הברה' וואלט בעצם אויך גענדארפט זיין א 'כח האדם', א 'קול הברה' איז נישט קיין 'גרמא', ס'איז דער 'כח האדם' וואס 'באנסט' צוריק, און פון דעסט וועגן איז עס נישט גוט. איז לכאורה וואלט אויך גענדארפט זיין אזוי ביי 'הערינג עדס'. דאס איז כלפי שופר, אבער ביי אנדערע מצוות ווי תפלה וכדומה, וואס דארטן איז א 'קול הברה' יא גוט, דארטן קען זיין אז אויך 'הערינג עדס' און א 'ספיקער' זאל אפשר זיין גוט].

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עימוד: י.ב. ‎+972-52-763-3424